בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב

פרשת וירא
שנת תשפ"ו

גליון
קכ"ט

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## • אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ צְנִיעוּת

**מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ דֶעם צְוֵוייטְן חֵלֶק פוּנֶעם שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

### אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ צְנִיעוּת

דִי דְרִיטֶע זַאךְ וִויל אִיךְ בֶּעטְן פוּן דִי לֶערֶערִינְס וָואס וֶועלְן שְׁפֶּעטֶער אוֹיסְהֶערְן דֶעם שִׁיעוּר. טֵייעֶרֶע לֶערֶערִינְס: אִיךְ מַאךְ אַייךְ פַאר שְׁלוּחִים, עֶטְץ זָאלְטְס אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ צְנִיעוּת אוּן אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ זַיין אַ אִיד.

אִיךְ וִויל עֶטְץ זָאלְטְס רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוּן פוּן זִיךְ נִישְׁט שְׁמִירְן דִי נֶעגְל.

דִי צְוֵויי זַאכְן, גֵיין מִיט אֵייגֶענֶע הָאר אוּן זִיךְ שְׁמִירְן דִי נֶעגְל, זֶענֶען צְוֵויי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע קְלִיפּוֹת פַאר אַ פְרוֹי נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער.

### אַז מֶען רֶעדְט שֵׁיין צוּ קִינְדֶער - וֶועלְן זֵיי עֶס טוּן מִיט שִׂמְחָה

אוֹיבּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּ אַ מֵיידְל פַאר דִי חֲתוּנָה אִיבֶּער דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר, קֶען גֶעשֶׁען אַז נָאךְ דִי חֲתוּנָה וֶוען מֶען וֶועט אִיר זָאגְן: **"קוּם, מֶען גֵייט דִיךְ אָפְּשֶׁערְן דַיין הָאר"**, וֶועט זִי עֶס נָאר טוּן וַוייל מֶען צְוִוינְגְט אִיר, אָבֶּער בֶּאֱמֶת וִויל זִי עֶס נִישְׁט, דָאס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גוּט.

אַנְדֶערְשׁ אִיז וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער פוּן זֵייעֶר יוּגְנְט מִיט גֶעשְׁמַאק וִוי שֵׁיין עֶס אִיז צוּ זַיין אַ אִיד, וִוי שֵׁיין עֶס אִיז צוּ גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי צַדִיקִים, וִוי שֵׁיין עֶס אִיז אַז אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע שֶׁערְט זִיךְ דִי הָאר, אוּן וָואס פַאר אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת מֶען פַארְדִינְט פוּן דֶעם, וֶועלְן זֵיי עֶס טוּן מִיט אַ שִׂמְחָה.

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ גוּטֶע עֶלְטֶערְן, זֵיי הָאבְּן אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין מִיר דָאס אִידִישְׁקֵייט אַזוֹי שֵׁיין אַז קֵיין שׁוּם מִצְוָה אִיז מִיר נִישְׁט שְׁוֶוער צוּ טוּן; עֶס אִיז מִיר נִישְׁט שְׁוֶוער צוּ הָאבְּן אַ בָּארְד, עֶס אִיז מִיר נִישְׁט שְׁוֶוער צוּ הָאבְּן פֵּיאוֹת, נִישְׁט עֶסְן חָמֵץ פֶּסַח - אִיז מִיר אַ גֶעשְׁמַאקֶע זַאךְ; אַז מֶען וֶועט מִיר זָאגְן אִיךְ זָאל נִישְׁט עֶסְן קֵיין חָמֵץ אַ גַאנְץ יָאר וֶועל אִיךְ עֶס אוֹיךְ טוּן! 'הִיטְן שַׁבָּת' אִיז מִיר אַ גֶעשְׁמַאקֶע זַאךְ! וֶוען מֶען דַארְף 'פַאסְטְן', אִיז מִיר גֶעשְׁמַאק צוּ פַאסְטְן! אִיךְ טוּ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט נִישְׁט וַוייל אִיךְ דַארְף שָׂכָר, נָאר דָאס אִיז מַיין שֶׁענְסְטֶע זַאךְ. אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט כְּאִילוּ אִיךְ בִּין גֶעשְׁטְרָאפְט צוּ הִיטְן דִי תּוֹרָה אִיךְ טְרַאכְט 'הַלְוַאי אִיז אַ גַאנְץ יָאר שַׁבָּת, אוּן הַלְוַאי אִיז אַ גַאנְץ יָאר פֶּסַח, אוּן הַלְוַאי שְׁלָאפְט מֶען אַ גַאנְץ יָאר אִין דִי סוּכָּה'.

### זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר בְּרֶענְגְט יְשׁוּעוֹת

דֶערְצֵיילְטְס פַאר דִי קִינְדֶער דִי מַעֲשֶׂה. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער נַאסוּדֶ'ער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ [עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ], אֵיין מָאל אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ פְרוֹי, זִי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט אַז זִי אִיז בִּיטֶער קְרַאנְק, הָאט דֶער נַאסוּדֶ'ער רָב אִיר גֶעזָאגְט: **"אִיךְ זָאג אַייךְ צוּ, אוֹיבּ אִיר שֶׁערְט זִיךְ אָפּ דִי הָאר, וֶועט אִיר זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק"**.

פַאר דִי פְרוֹי אִיז דָאס גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, אָבֶּער אַזוֹי וִוי זִי הָאט דָאךְ גֶעדַארְפְט אַ יְשׁוּעָה, הָאט זִי זִיךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן אִיר הָאר, אָבֶּער זִי הָאט גֶעטְרַאכְט 'וֶוען אִיךְ וֶועל גֶעזוּנְט ווערְן וֶועל אִיךְ זִיךְ צוּרִיק אָנְהֵייבְּן לָאזְן וַואקְסְן דִי הָאר'. וְכַךְ הֲוָה, דִי פְרוֹי הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן אִיר הָאר אוּן זִי אִיז גֶעוָוארְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, וֶוען עֶס אִיז דוּרְךְ אַ שְׁטִיק צַייט הָאט זִי זִיךְ צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן לָאזְן וַואקְסְן דִי הָאר, אוּן דִי מַחֲלָה אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען.

זִי אִיז צוּרִיק גֶעלָאפְן צוּם צַדִיק וֵויינֶען: **"רֶבִּי, אִיךְ בִּין צוּרִיק קְרַאנְק גֶעוָוארְן, אִיךְ דַארְף אַ יְשׁוּעָה!"** הָאט אִיר דֶער צַדִיק גֶעזָאגְט: **"וָואס אִיז מִיט אַייךְ? אִיר שְׁפִּילְט אַרוּם מִיט מִיר? אִיר מֵיינְט אַז אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אַז אִיר שֶׁערְט זִיךְ מֶער נִישְׁט...?"**

### רֶעדְן צוּ יֶעדְן לוֹיט זַיין שְׁפְּרַאךְ אוּן פַארְשְׁטַאנְד

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶע קִינְדֶער אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע וֶועג, מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוֹיף דֶעם זֶעלְבְּן שְׁפְּרַאךְ וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער, דֶערְפַאר וִויל אִיךְ בֶּעטְן פוּן דִי מְנַהֶלֶת זִי זָאל רֶעדְן צוּ דִי לֶערֶערִינְס, זֵיי וַוייזְן דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער רִיכְטִיג, אַז צוּ יֶעדֶע יָארְגַאנְג זָאל מֶען אַרַיין לֵייגְן טְרָאפֶּעלֶעךְ יִרְאַת שָׁמַיִם לוֹיט זֵייעֶר פַארְשְׁטַאנְד.

אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעוֶוען אוֹיף אַ פְּלַאץ, אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ בָּחוּר, עֶר הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל אִים מְחַזֵּק זַיין וְכוּ', בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים פְרֶעגְט עֶר מִיר: **"פַארְוָואס טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט אַרַיין קְרַאצְן אִין דִי קֶערְפֶּער אַ 'כְּתֹבֶת קַעֲקַע' אַזוֹי וִוי דִי גוֹיִים טוּעֶן?"** הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט: **"הָאסְט שׁוֹין אַמָאל גֶעזֶען אַן אַלְטֶע צֶעקְרַאכְטֶע קַאר אָנְגֶעקְלֶעבְּט מִיט קְלֶעבּ אוּן אִינְגַאנְצְן אָנְגֶעשְׁרִיבְּן?"** זָאגְט עֶר מִיר: **"יָא"**, פְרֶעג אִיךְ אִים: **"הָאסְט דָאס שׁוֹין אוֹיךְ גֶעזֶען אוֹיף אַ שֵׁיינֶע נֵייעֶ קַאר?"** זָאגְט עֶר מִיר: **"נֵיין"**, אוּן דֶער בָּחוּר הָאט שׁוֹין אַלֵיין פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם עֶנְטְפֶער, אַז אַ אִידִישֶׁע גוּף אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ, מִיר זֶענֶען קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר טָארְן מִיר זִיךְ נִישְׁט אָנְשְׁרַייבְּן. פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ אִים אַזוֹי גֶעעֶנְטְפֶערְט, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז נָאר מִיט דֶעם שְׁפְּרַאךְ וֶועט עֶר אָנְנֶעמֶען וָואס

איך זאג.

די זעלבע זאך דארפן לערערינס וויסן וועלכע שפראך צו ניצן ווען מען רעדט צו קינדער, אז די קינדער זאלן אננעמען דאס וואס מען זאגט.

איך בעט ענק, לייגטס אריין כח, קאפ און הארץ צו רעדן צו די קינדער פון דאס שיינקייט פון גיין אנגעטון בצניעות!

### וואס זאל מען טון ווען א קינד קומט נישט אנגעטון אזוי איידל?

אויב מען זעט א קינד קומט אין שולע אנגעטון נישט אזוי איידל, צום ביישפיל, די לענג פון איר קלייד איז נישט ווי עס דארף צו זיין, איז דא צוויי וועגן וואס מען קען טון; איין וועג איז צו זאגן פארן קינד: "**ביסט א שיקסע!**" - און איך וויל נישט מען זאל ניצן די וועג ביי אונז אין שולע; ביים הייליגן רבי'ן איז נישטא אזא ווארט, איבערהויפט אז די קינדער זענען דאך 'קינדער', און זיי האבן זיך נישט אליין געקליבן וואס אנצוטון, זייערע עלטערן געבן זיי וואס אנצוטון.

די ריכטיגע וועג איז צו רעדן צו די קינדער פון דאס שיינקייט פון צניעות, און געבן אסאך גוטע ווערטער פאר אלע קינדער, אפילו פאר די קינדער וואס קומען נאכנישט אנגעטון ווי עס דארף צו זיין. מען זאל זיי זאגן: "**ביסט אזוי שיין איידל, ביסט אזוי שיין צניעות'דיג**"; דאס וועט מיטן אייבערשטנ'ס הילף אריין ברענגען אין די קינדער א ווילן צו גיין אנגעטון בצניעות.

דער אייבערשטער זאל העלפן, עטץ זאלטס האבן הצלחה און סייעתא דשמיא, אמן.

•••

## - זיס מאכן די תורה -

### מיטן אייבערשטנ'ס הילף ברענגען מיר אייך נאך א חינוך שיעור וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געגעבן פרשת כי תשא שנת תשפ"ד לפרט קטן.

פארן שיעור האט דער ראש ישיבה שליט"א געזינגען דעם ניגון: "**אשריכם טייערע מלמדים, וואויל איז אונזער חלק, מיר האבן די זכיה צו לערנען מיט קינדער, אזוי טייער אזוי הייליג, ומצדיקי הרבים ככוכבים, אין הימל איז א מלמד א העלד, מיטן לערנען מיט די קינדער די הייליגע תורה, אויף אונז שטייט די וועלט.**"

### זיס מאכן די תורה פאר די קינדער

געלויבט דער הייליגער באשעפער אז מיר קענען לערנען מיט קינדער, מיר קענען אריינלייגן אין די קינדער אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, און די זיסקייט פון די הייליגע תורה.

אז מען וויל מחנך זיין קינדער דארף מען אריינקוקן אין די הייליגע תורה, ווייל נאר מיט די עצות פון די תורה קען מען וויסן ווי אזוי צו מחנך זיין קינדער.

עס שטייט די וואך אין די פרשה [פרשת כי תשא] (שמות לא, יח): "**ויתן אל משה ככלתו לדבר אתו בהר סיני שני לחת העדת לחת אבן...**", ווען דער אייבערשטער האט געענדיגט רעדן מיט משה רבינו אויפן בארג סיני, האט ער אים געגעבן די צוויי לוחות.

זאגט דער הייליגער מדרש (שמות רבה מא, ה), פארוואס שטייט נישט 'ככלותו' מיט א ואו? כדי מען זאל עס קענען פינטלען 'ככלתו', אזוי ווי א כלה. פינקט אזוי ווי א כלה איז באליבט פאר איר חתן, אזוי דארף די תורה זיין באליבט פאר אירע צוהערער. זאגט דער מדרש דעם לשון: "**כל מי שהוא מוציא דברי תורה**", ווער עס לערנט פאר תורה פאר אנדערע, "**ואינן ערבין על שומעיהן**", און עס איז נישט זיס פאר די צוהערער, "**ככלה שהיא ערבה לבעלה**", אזוי ווי א כלה וואס איז זיס פאר איר חתן, "**נוח לו שלא אמרן**", איז ענדערש ער זאל בכלל נישט פארלערנען.

דאס איז איינע פון די וויכטיגסטע זאכן וואס א מלמד דארף וויסן, מען מוז זיס מאכן די תורה פאר די קינדער. עס קען זיין צוויי מלמדים וואס ביידע לערנען פאר דעם זעלבן שטיקל גמרא, איינער מאכט עס זיס און אינטערעסאנט און דער צווייטער לערנט עס פאר פשוט און טרוקן, וועט זיך דערקענען א גרויסער חילוק אויף די תלמידים, ווייל דער וואס לערנט עס פאר מיט א געשמאק, וועלן זיינע תלמידים אויך באקומען א געשמאק צו די הייליגע תורה.

### דער חכמה פון א געשמאקע מאלצייט

וואס איז דער חכמה ווי אזוי די טייערע זאלן מאכן מאלצייטן געשמאק? עס האט נישט צוטון וועלכע סארט עסן מען געבט, עס האט צוטון מיט די וועג ווי אזוי מען באצירט דאס עסן; זיי לייגן אריין גראזעלעך אינעם פיש טעלער, און זיי ניצן קאלירטע טישטוכער, אזוי באקומט די גאנצע מאלצייט אן אנדערע טעם. ביי אונזערע סיומים טוען מיר אויך אזוי, מען סערווירט פשוט'ע קוגל און טשאלנט, אבער מען לייגט דאס ארויף אויף שיינע קאלירטע טישטוכער, און עס איז שוין גאר אן אנדערע קוגל און גאר אן אנדערע טשאלנט...

די זעלבע זאך דארף מען טון ווען מען לערנט מיט קינדער סיי וועלכע לימוד, מען דארף עס אראפלייגן מיט א טעם, מיט א געשמאק, אז די קינדער זאלן שפירן א זיסקייט און א געשמאק צו די הייליגע תורה.

### זיך העלפן איינער דעם אנדערן מיט עצות און געדאנקען

מוהרא"ש פלעגט מיר אסאך מאל זאגן: "**פאר דו געבסט א שיעור זאלסטו זינגען א ניגון, צו עפענען די הערצער פון די בחורים**", איך ווייס נישט אויב מלמדים קענען דאס נאכטון, מען דארף אבער טרעפן א וועג ווי אזוי צו עפענען די הערצער פון די קינדער, אז דאס לערנען זאל זיי זיין א געשמאקע זאך.

עס איז כדאי אז די מלמדים וואס האבן שוין גוטע געדאנקען ווי אזוי צו מאכן דאס פארלערנען געשמאק, זאלן עס מיטטיילן מיט אנדערע מלמדים, עס זאל זיין 'ומקבלין דין מן דין', מען זאל זיך העלפן איינער דעם אנדערן מיט עצות און געדאנקען, אז אלע זאלן קענען מאכן דאס לערנען זיס און געשמאק.

### אן עצה צו מאכן דאס דאווענען געשמאק

איך באקום בריוון פון מלמדים און לערערינס וואס פרעגן: "**וואס קען מען טון אז די קינדער האלטן נישט ביים דאווענען?**"

מען דארף וויסן, מען קען נישט זיין ברוגז ווען א קינד דאווענט נישט, ווייל קינדער פארשטייען דאך נישט קיין טייטש פונעם דאווענען, קוים וואס אינגעלייט פארשטייען דעם טייטש פונעם דאווענען; ביי די פערציג יאר הייבט מען אן צו דאווענען מיט כוונה, ווי די הייליגע חכמים זאגן (תענית טז.): ווען עס איז דא א צרה לא עלינו, דארף מען צושיקן צום עמוד איינער וואס איז שוין עלטער און ער האט שוין א שטוב מיט קינדער, ווייל איינער וואס איז שוין עלטער און ער האט א שטוב מיט קינדער וועט זיכער דאווענען מיט כוונה.

צווייטנס, פאר דו ווערסט ברוגז אויף א קינד פארוואס ער שפילט זיך מיט זיין שפילצייג ביים דאווענען, דערמאן זיך אויב ביי דיר פאסירט קיינמאל נישט אז דו זאלסט זיך פארלירן אינמיטן דאווענען אין א גליון... דאס איז דאך אויך א שפילצייג, קינדער האבן זיך זייערע שפילצייג און עלטערע האבן זיך זייערע שפילצייג.

אוודאי דארף מען פארלאנגען פון קינדער צו דאווענען שיין, אבער אויב געוויסע קינדער דאווענען נאכנישט שיין, מיינט דאס נישט אז זיי האלטן ביי גארנישט...

אז א מלמד וויל אז די קינדער זאלן דאווענען געשמאק איז כדאי מען זאל

דַאוֶוענֶען מִיט נִיגוּנִים, אוּן פוּן צַייט צוּ צַייט זָאל מֶען טוּישְׁן דִי נִיגוּנִים, וַוייל נִיגוּנִים קֶען צוּגֶעבְּן אַ גֶעשְׁמַאק אִינֶעם דַאוֶוענֶען.

### אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם נִיגוּן וָואס מֶען זִינְגְט פַארְן קִינְד

טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים, אַז עֶטְץ וֶועטְס אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ זַיין אַ אִיד, וֶועט עֶס אַרַיינְגֵיין אִין דִי קִינְדֶער.

אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם נִיגוּן וָואס מֶען זִינְגְט פַארְן קִינְד; קִינְדֶער וָואס הֶערְן פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה וִוי זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן רֶעדְן פוּן גֶעלְט גֶעלְט גֶעלְט, וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ נָאר טְרַאכְטְן פוּן גֶעלְט, אָבֶּער אַז מֶען זִינְגְט מִיט קִינְדֶער: **"אַה, עֶס קוּמְט שׁוֹין שַׁבָּת"**, **"אַה, עֶס קוּמְט שׁוֹין יוֹם טוֹב"**, **"מִצְוֹת אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ"**, וֶועלְן דִי קִינְדֶער בַּאקוּמֶען אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת.

### נִישְׁט וֶוערְן מִיד פוּן אִיבֶּערְזָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל

דֶער הֵייליגֶער מֶדְרָשׁ (שְׁמוֹת רַבָּה מא, ו) טַייטְשְׁט דִי וֶוערְטֶער 'לֻחֹת אֶבֶן' - לוּחוֹת פוּן שְׁטֵיין, אַז 'לֻחֹת' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן בַּאקְן, **"כָּל מִי שֶׁאֵינוֹ מֵשִׂים לְחָיָיו כָּאֶבֶן הַזּוֹ אֵינוֹ זוֹכֶה לַתּוֹרָה"**, וֶוער עֶס מַאכְט נִישְׁט זַיינֶע בַּאקְן וִוי אַ שְׁטֵיין, קֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ תּוֹרָה.

בִּפְשְׁטוּת גֵייט דָאס אַרוֹיף אוֹיף סְתָּם מֶענְטְשְׁן, וֶוער עֶס וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ תּוֹרָה, דַארְף עֶר זִיךְ מַאכְן זַיינֶע בַּאקְן וִוי אַ שְׁטֵיין, עֶר זָאל נִישְׁט וֶוערְן מִיד פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה.

דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף מְלַמְּדִים; מְלַמְּדִים דַארְפְן הָאבְּן שְׁטֵיינֶערְנֶע בַּאקְן, אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען הָאט שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעזָאגְט אַ זַאךְ עֶטְלִיכֶע מָאל זָאל מֶען נִישְׁט וֶוערְן מִיד פוּן אִיבֶּערְזָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

יֶעדֶעס מָאל מֶען זֶעט צְוֵויי קִינְדֶער קְרִיגְן זִיךְ, דַארְף מֶען נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְזָאגְן דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער: **"אַ אִיד קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט"**, **"אַ אִיד שְׁלָאגְט נִישְׁט"**, **"מֶען טָאר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, "מֶען טָאר נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען"**, אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶעס מָאל עֶס פַּאסִירְט אַז אַ אִינְגְל הָאט עֶפֶּעס גֶע'גַנֶבְ'עֶט פוּן אַ צְוֵוייטְן, דַארְף מֶען נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְזָאגְן: **"מֶען טָאר נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען"**.

אַז אַ קִינְד הָאט עֶפֶּעס גֶע'גַנֶבְ'עֶט פוּן אַ צְוֵוייטְן קִינְד, מֵיינְט נִישְׁט אַז דָאס קִינְד אִיז אַ גֶעפֶערְלִיךְ קִינְד, נָאר אַזוֹי זֶענֶען קִינְדֶער; אִיךְ בַּאקוּם כְּסֵדֶר בְּרִיוְון פוּן עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן וָואס פְרֶעגְן דִי זֶעלְבֶּע שְׁאֵלָה: **"וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ בַּאצָאלְן דִי גְנֵבוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶע'גַנֶבְ'עֶט אַלְס קִינְד?"** עֶס מֵיינְט אַז דֶער מְלַמֵּד דַארְף יֶעצְט נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְזָאגְן פַארְן קִינְד אַז מֶען טָאר נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען.

### אֵיין טָאג גֵייט עֶס אַרַיינְגֵיין אִין זֵייעֶר קָאפּ

אַז מִיר וֶועלְן צוּרִיק טְרַאכְטְן צוּ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן, וֶועלְן מִיר זִיךְ דֶערְמַאנֶען אַז אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אוּן מְלַמְּדִים הָאבְּן אוּנְז אוֹיךְ גֶעדַארְפְט אִיבֶּערְזָאגְן יֶעדֶע זַאךְ אַסַאךְ מָאל.

פַארְוָואס מַאךְ אִיךְ הַיינְט בְּרָכוֹת פַאר אִיךְ עֶס? וַוייל מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן מִיר גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין זָאגְן: **"אַ בְּרָכָה! שְׁפֵּיי צוּרִיק אוֹיס פוּן מוֹיל אוּן מַאךְ אַ בְּרָכָה!"** בִּיז עֶס אִיז מִיר גֶעוָוארְן אַ נַאטוּר, אַ טֶבַע שֵׁנִי. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ טוּ אִיךְ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאג אִיבֶּער פַאר מַיינֶע קִינְדֶער אָן אַ שִׁיעוּר מָאל אַז מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן אָן אַ בְּרָכָה, וַוייל אִיךְ וֵייס אַז אֵיין טָאג גֵייט עֶס אַרַיינְגֵיין אִין זֵייעֶר קָאפּ, אוּן זֵיי גֵייעֶן שׁוֹין גֶעדֶענְקֶען צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת.

### אֲפִילוּ פַאר עֶלְטֶערֶע דַארְף מֶען אִיבֶּערְזָאגְן אַסַאךְ מָאל

דֶער זַאךְ פוּן אִיבֶּערְזָאגְן אַ זַאךְ אִיז נִישְׁט נָאר בַּיי קִינְדֶער, אֲפִילוּ פַאר עֶלְטֶערֶע דַארְף מֶען אוֹיךְ אִיבֶּערְזָאגְן אַסַאךְ מָאל דָאס וָואס זֵיי דַארְפְן הֶערְן.

וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעלֶעבְּט אוּן מוֹהֲרָא"שׁ אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר דָא אִין אַמֶערִיקֶע, גֶעדֶענְק אִיךְ וִוי מִיר הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶס פֶעלְט אוּנְז 'לֶעבְּן'. אֵיי פוּן וָואס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶערֶעדְט? מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאךְ נִישְׁט מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען בַּיי דִי שִׁיעוּרִים קַיין נַייעֶ זַאכְן, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נָאר אִיבֶּערְגֶעזָאגְט דִי זֶעלְבֶּע פָּאר זַאכְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען זָאל רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ, אוּן מֶען זָאל זָאגְן מִשְׁנַיוֹת וְכוּ', יֶעדֶע וָואךְ אוֹיף אַנְדֶערֶע וֶועג, מִיט אַן אַנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי זַאכְן אוֹיף וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף חִיזּוּק, דַארְף מֶען אִיבֶּערְזָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

### וָואס אִיז אוּנְזֶער גְרוֹיסְקֵייט?

נָאךְ אַ זַאךְ זֶעט מֶען דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה. עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה, וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעמַאכְט דֶעם עֵגֶל, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (שְׁמוֹת לב, ז): **"לֶךְ רֵד"**, גֵיי נִידֶער אַרָאפּ פוּנֶעם בַּארְג, **"כִּי שִׁחֵת עַמְּךָ אֲשֶׁר הֶעֱלֵיתָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם"**, וַוייל דַיין פָאלְק וָואס דוּ הָאסְט אַרוֹיפְגֶעבְּרֶענְגְט פוּן מִצְרַיִם הָאט פַארְדָארְבְּן.

זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרָכוֹת לב. הוּבָא בְּרַשִׁ"י): **"אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְמֹשֶׁה"**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה, **"מֹשֶׁה, רֵד מִגְּדוּלָּתְךָ"**, מֹשֶׁה! נִידֶער אַרָאפּ פוּן דַיין גְרוֹיסְקֵייט, **"כְּלוּם נָתַתִּי לְךָ גְּדוּלָּה אֶלָּא בִּשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל, וְעַכְשָׁו יִשְׂרָאֵל חָטְאוּ, אַתָּה לָמָּה לִי"**, דַיין גַאנְצֶע כָּבוֹד וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעגֶעבְּן אִיז נָאר וֶועגְן דִי אִידְן, יֶעצְט אַז דִי אִידְן הִיטְן נִישְׁט דִי תּוֹרָה, הָאסְטוּ נִישְׁט וָואס צוּ זוּכְן דָא.

דָאס אִיז מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְּקוּת פַאר מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס; דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז אַז דִי גַאנְצֶע גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיז נָאר וִוילַאנְג עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוֹיבּ מֶען הֶערְט אוֹיף לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, פַארְלִירְט מֶען דֶעם גַאנְצְן גְרוֹיסְקֵייט.

אַסַאךְ מָאל קוּמְט זִיךְ אַ מְלַמֵּד אָפְּרֶעדְן אוֹיף דִי קִינְדֶער: **"עֶס אִיז נִישְׁטָא צוּ וֶועם צוּ רֶעדְן"**, **"דִי קִינְדֶער הַאלְטְן בַּיי גָארְנִישְׁט"**, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דַיין גַאנְצֶע מַעֲלָה אִיז נָאר אַז דוּ נֶעמְסְט דִי קִינְדֶער אוּן דוּ מַאכְסְט זֵיי לֶערְנֶען אוּן דוּ מַאכְסְט זֵיי דַאוֶוענֶען, אוֹיבּ דוּ גֶעבְּסְט אוֹיף אוּן דוּ זָאגְסְט: **"דִי קִינְדֶער הַאלְטְן בַּיי גָארְנִישְׁט"**, - קֶענְסְטוּ אַהֵיימְגֵיין!

דָאס אַז דוּ קֶענְסְט זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט דִי מְצוּיָּנִים פוּן כִּתָּה, אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ, וַוייל דִי מְצוּיָּנִים זֶענֶען סַיי וִוי גוּט אֲפִילוּ אָן דֶעם מְלַמֵּד, לָאמִיר זֶען צִי דוּ קֶענְסְט זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט דִי שְׁוֶוערֶע קִינְדֶער וָואס קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זֵיי אוּן קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט רֶעדְן מִיט זֵיי, אוּן דוּ קֶענְסְט טְרֶעפְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי זֵיי אוֹיפְצוּהֵייבְּן.

אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ ראֹשׁ יְשִׁיבָה צוּם הֵייליגְן סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט אַ יְשִׁיבָה פוּן צְוָואנְצִיג בָּחוּרִים, אַכְצְן בָּחוּרִים זֶענֶען מַמָּשׁ אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט, אוּן צְוֵויי בָּחוּרִים הַאלְטְן מַמָּשׁ בַּיי גָארְנִישְׁט, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט זֵיי, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיבּ עֶר מֶעג זֵיי פַארְשִׁיקְן פוּן יְשִׁיבָה? הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: **"דִי צְוֵויי בָּחוּרִים זָאלְסְטוּ הַאלְטְן אִין יְשִׁיבָה, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט - קֶענְסְטוּ פַארְשִׁיקְן דִי אַנְדֶערֶע אַכְצְן בָּחוּרִים מְצוּיָּנִים, וַוייל זֵיי וֶועלְן זִיךְ אוֹיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן אָן דִיר..."**

לָאמִיר אַרַיינְגֵיין אִין כִּתָּה מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע פְרִישְׁקֵייט, אוּן אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי קִינְדֶער אַזוֹי וִוי אַ כַּלָּה גֵייט צוּ דִי חֲתוּנָּה; פְרִישׁ אוּן פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן הַצְלָחָה אוּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.

# בְּרִיוֹן פוּן חִינוּךְ
פוּנֶעם ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## וִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אַ ווִילְד אִינְגְל?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כֹּל ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַייעֶרע הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים ווֶעלְכֶע הֶעלְפְן אוּנְז אַזוֹי שְׁטַארְק אַרוֹיס אִין לֶעבְּן.

מִיר הָאבְּן גֶעווָאלְט פְּרֶעגְן ווֶעגְן אוּנְזֶער פִינְף יֶערִיג אִינְגְל. עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁווֶער אַיינְצוּזִיצְן סַיי אִינְדֶערְהֵיים אוּן סַיי אִין חֵדֶר, אוּן אוֹיךְ פְּרוּבִּירְט עֶר צוּ הֶערְשְׁן אוֹיף יֶעדְן אַיינֶעם, אַרַיינְגֶערֶעכְנְט אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן. ווִי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט אִים? מִיר הָאבְּן שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַסַאךְ מִיט גוּטְנְס, אִים צוּ גֶעבְּן בַּאלוֹינוּנְגֶען אוּן דָאס גְלַייכְן ווֶען עֶר אִיז ווָאוּיל, אָבֶּער גָארְנִישְׁט הָאט גֶעהָאלְפְן.

אוֹיךְ הָאט עֶר לִיב זִיךְ צוּ שְׁפִּילְן מִיט בַּעֲלֵי חַיִּים, הָאבְּן מִיר גֶעווָאלְט פְּרֶעגְן אוֹיב עֶס אִיז כְּדַאי מִיר זָאלְן אִים שִׁיקְן צוּ אַ פְּלַאץ ווָאוּ מֶען קֶען שְׁפִּילְן מִיט בַּעֲלֵי חַיִּים, ווִי צוּם בֵּייְשְׁפִּיל הִינֶער אוּן קַאטְשְׁקֶעס אוּן אַזוֹי ווַייטֶער.

דֶער אַייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ ווַייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ד טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶלְטֶערְן ווָאס ווִילְן זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער דַארְפְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אַייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, גוּטֶע קִינְדֶער קוּמְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס; מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אַייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער, ווַייל חִינוּךְ אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קֵיין גְרִינְגֶע זַאךְ. חִינוּךְ אִיז זֵייעֶר אַ שְׁווֶערֶע עֲבוֹדָה, מֶען דַארְף ווִיסְן ווִיפִיל צוּ זָאגְן אוּן ווִי אַזוֹי צוּ זָאגְן, ווִי שְׁטְרֶענְג מֶען דַארְף גֵיין וְכוּ'; אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין כּוֹחוֹת אִין דִי קִינְדֶער, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַסַאךְ תְּפִלָּה, שְׁנַיידְט מֶען שְׁפֶּעטֶער שֵׁיינֶע פֵּירוֹת.

דָאס ווָאס אִיר שְׁרַייבְּט: 'ווִיפִיל מִיר פְּרוּבִּירְן צוּ גֵיין מִיט גוּטְנְס וְכוּ' גֵייט עֶס נִישְׁט'; אַסַאךְ מָאל, ווַייל מֶען גֶעבְּט אַסַאךְ גוּטְס, דַוְקָא דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְווָאס עֶס גֵייט נִישְׁט. מֶען דַארְף מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער ווֶען זֵיי זֶענֶען יוּנְג – צוּ פָאלְגְן, ווֶען אַ קִינְד פָאלְגְט ווָאס מֶען הֵייסְט אִים, קוּמְט אִים נָאךְ נִישְׁט דִי ווֶעלְט פַאר דֶעם; ווֶען אַ קִינְד עֶסְט אוֹיף דִי נַאכְטְמָאל אָדֶער נֶעמְט צוּזַאמֶען דִי שְׁפִּילְצֵייג וְכוּ' קוּמְט אִים נָאךְ נִישְׁט פַאר דֶעם אַ בַּאלוֹינוּנְג, אַ קִינְד דַארְף מֶען מְחַנֵּךְ זַיין צוּ פָאלְגְן טַאטֶע מַאמֶע, ווַייל מֶען דַארְף פָאלְגְן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין: 'אוֹיבּ ווֶעסְטוּ פָאלְגְן...' אָדֶער: 'אוֹיבּ ווֶעסְטוּ נִישְׁט פָאלְגְן...'.

עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם אִים צוּ טְרָאגְן זֶען בַּעֲלֵי חַיִּים וְכוּ'; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.): עֶס אִיז אַמָאל גֶעווֶען אַ טְרוּקֶענִישׁ – עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עַמּוּד אוּן גְלַייךְ ווֶען עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מַשִּׁיב הָרוּחַ, וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם" – הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען גֵיין אַ גָאס רֶעגְן, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "ווָאס זֶענֶען דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים ווָאס דוּ טוּסְט?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד דַרְדְקֵי – אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קֵיין חִילּוּק פוּן אַ קִינְד ווָאס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר גֶעלְט אַז אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים, אָדֶער אַ קִינְד ווָאס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר נִישְׁט; נָאךְ אַ מִנְהָג הָאבּ אִיךְ, אַז ווֶען אִיךְ זֶע אַ קִינְד ווָאס ווִיל נִישְׁט לֶערְנֶען, בִּין אִיךְ אִים מְשַׁחֵד. אִיךְ הָאבּ אִין שְׁטוּבּ אַ פִישׁ טַאנְק, אוּן אִיךְ רֶעד אִים צוּ אַז אוֹיבּ עֶר ווֶעט לֶערְנֶען ווֶעל אִיךְ אִים ווַייזְן דִי פִישֶׁעלֶעךְ, בִּיז עֶר הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען". זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַסַאךְ מָאל דַארְף מֶען מְשַׁחֵד זַיין קִינְדֶער מִיט בַּעֲלֵי חַיִּים וְכוּ' זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען פְלֵייסִיג.

דֶער אַייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ג', מִכְתָּב קע)

חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנג
אויף קול בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספים; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876